בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א



**ואתחנן-נחמו**

**י"א אב תשפ"ז**

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:06 |
| מוצש"ק | 8:21 |
| ר"ת | 8:58 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:25 | סוז"ת א' 9:52 |
| סוזק"ש ב' 9:15 | סוז"ת ב' 10:25 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס' קצ"ז

שנה ד'


## טיב הפרשה

# ואתחנן אל ה'

## די מהלך פון אן אמת'ע געבעט

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר איבער די תפילות פון משה רבינו צו הקב"ה אז ער זאל אים אריינלאזן אין ארץ ישראל. די תוה"ק דערציילט אונז אז משה רבינו האט זיך איינגעבעטן ביי הקב"ה בתחנונים ביז ווען דער רבוש"ע האט אים אפגעשטעלט זאגנדיג אז ער זאל מער נישט רעדן צו אים דערוועגן.

די אנהייב פון די פרשה הייבט זיך אן מיט'ן לשון 'ואתחנן'. משה רבינו דערציילט פאר כלל ישראל אז ער האט זיך געבעטן ביי הקב"ה.

רש"י אויפ'ן ארט איז מדייק דער לשון וואס משה רבינו האט גענוצט דערציילנדיג איבער זיינע תפילות. אנדערש ווי געווענליך, באנוצט זיך משה רבינו מיט די לשון תפילה פון 'ואתחנן', וואס איז א לשון פון תחנונים, א לשון וואס האט אין איר א משמעות אז ער בעט זיך אז מ'זאל אים געבן א מתנת חינם.

רש"י לייגט צו אז משה רבינו לערנט אויס כלל ישראל דערמיט די דרך התפילה, אז אויך צדיקים וואס קענען בעטן אז עס קומט זיי בזכותם, בעטן זיך איין אז הקב"ה זאל זיי געבן א מתנת חינם, אַן אומזיסטע מתנה.

ווען מיר זענען זיך מתבונן אין די ווערטער פון רש"י זעט מען דא א שטארקער דרך הלימוד אין די נושא פון תפילה. אין די וועלט וואו מיר לעבן איז אויך מצוי אז מ'זאל בעטן א זאך פון א צווייטן, אבער ווען עס קומט צו בעטן זאכן פון א צווייטן איז דא צוויי סארט מהלכים ווי אזוי מען קען בעטן עפעס פון אן אנדערן מענטש. עס איז דא דער וועג ווי מ'בעט פון א איד אז עס קומט זיך פאר אים, על פי הדין, א צווייטער וועג איז צו בעטן פון א מענטש א זאך מיט תחנונים.

פאר'ן מענטש זעט זיך אויס אז די ערשטע וועג איז אסאך קראפטפולער און שטארקער. ווען א מענטש איז א בא בטענה אז מ'איז אים שולדיג האט ער די דרייסט צו בעטן און ער קען בעטן זאכן מיט א שטארקקייט, אבער ווען ער בעט א טובה פון א מענטש איז דער צוגאנג פון בעטן פול שוואכער.

פאר'ן מענטש זעט אויס אז דער בעטן מיט א טענה איז א שטארקערע געבעט און די שאנסען אז די בקשה זאל דערפולט ווערן איז פול שטארקער, אבער למעשה איז דא משה רבינו מגלה אז די ריכטיגע וועג צו בעטן עפעס פון הקב"ה איז מיט תחנונים.

אז מ'זאל פארשטיין די מעלה פון אזא סארט תפילה, מוז מען צום ערשט ריכטיג דערגיין די מטרה פון תפילה. אויבנאויף זעט אויס די גאנצע נושא פון תפילה א סתירה. מ'קען נישט פארשטיין ווי אזוי ביידע זאכן גייען אינאיינעם. אויב הקב"ה וויל געבן פאר א מענטש עפעס האט ער די יכולת אים צו געבן וואס ער דארף. דאגעגן אויב

## טיב המערכת

### ואתחנן – תקט"ז

די פאלגנדע מעשה האט דערציילט מורנו ורבינו שליט"א: עטליכע יאר איז געקומען צו מיר א חשוב'ער איד און ער האט מיר דערציילט אז איינער פון די משפחה מיטגלידער איז ליידער אראפגעגאנגען פונעם ריכטיגן וועג, לא עלינו, און זיין חשוב'ע מאמע האט עס שטארק גענומען צום הארצן, דעריבער שטייט זי אויף יעדן טאג פארטאגס און זי פארט מתפלל זיין ביי די מקומות הקדושים אויף איר זון אז ער זאל תשובה טון, נאר וויבאלד די משפחה וואקסט ב"ה, האט מען מורא אז דאס וועט שאדן פאר די אנדערע בני המשפחה, און דעריבער בעטן זיי פון מיר אז איך זאל רעדן מיט איר אז זי זאל אפשטעלן די נסיעות וואס זי פארט פארטאגס כדי די שטוב זאל נישט צוזאמברעכן. האב איך אים געזאגט, אז איך האב נישט די מעגליכקייט צו צוריקהאלטן א אידישע מאמע פון מתפלל זיין אויף איר זון.

משה רבינו האט זיך געבעטן ביי הקב"ה אז ער זאל אים ברענגען קיין ארץ ישראל, אפילו נאר פאר א קורצן באזוך, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'אֶעְבְּרָה נָּא וְאֶרְאֶה אֶת הָאָרֶץ הַטּוֹבָה', נישט איין תפילה האט ער מתפלל געווען און נישט צוויי אדער דריי תפילות, נאר פינף הונדערט און פופצן תפילות! האט משה רבינו מתפלל געווען, און מיר זאלן נישט טראכטן אז אלע תפילות זענען געווען איינצ, אזוי ווי א קינד וועלכער זאגט נאכאמאל און נאכאמאל 'איך וויל', נאר דאס זענען געווען פינף הונדערט און פופצן פארשידנארטיגע טענות, בקשות און אויסריידן פארוואס ער וויל און דארף אריינגיין אין ארץ ישראל, און פונדעסטוועגן האט ער נישט אויפגעגעבן און פון זיין זייט האט ער זיך ווייטער געבעטן און פארלאנגט, אבער דער אויבערשטער האט געזאגט צו אים 'אַל תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה', און משה רבינו וואס 'עֶבֶד נֶאֱמָן קָרָאתָ לּוֹ', האט טאקע אויפגעהערט צו מתפלל זיין דערויף, ער האט אבער גארנישט געטווישט אין זיין עבודת השם, נאר אדרבה, ער האט גלייך נאכדעם זיך געשטארקט ארויסצוגיין צו די מלחמה פון מדין, טראצדעם וואס ער האט געוואוסט אז דערמיט דערנענטערט ער זיין אוועקגיין פון דער וועלט.

יעדער איינער דארף האבן א ישועה, צי עס איז א רפואה, פרנסה, זרע של קיימא אדער יעדע אנדערע ישועה, און ווען מען דארף האבן א ישועה איז מען מתפלל, אבער דער פראבלעם הייבט זיך אן נאכדעם וואס מען איז מתפלל און מען זעט נישט קיין ישועה, דעמאלטס זענען דא אזעלכע וואס הייבן אן צו פילן טענות ח"ו אנטקעגן דעם אויבערשטן, אדער ווערט מען מיואש, אזויפיל און אזוי שטארק האב איך מתפלל געווען, און נישט געזען קיין ישועה.

דעריבער איז וויכטיג אז מען זאל געדענקען די פאלגנדע צוויי זאכן – איינס, אז עס איז נישטא קיין תפילה וואס גייט צוריק ליידיג, און אויך משה רבינו וועלכער האט מתפלל געווען און געבעטן 'אֶעְבְּרָה נָּא וְאֶרְאֶה אֶת הָאָרֶץ הַטּוֹבָה', איז געענטפערט געווארן דערמיט וואס ער האט זוכה געווען צו זען ארץ ישראל, און דער צווייטער זאך איז, און דאס איז דאס וויכטיגסטע, אז ביז דער אויבערשטער זאגט מיר נישט אז איך זאל אויפהערן צו מתפלל זיין, שטעל איך זיך נישט אָפּ!

(עפ"י שיחה ואתחנן תש"ע)


טיב הודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

הקב"ה וויל נישט געבן פאר א מענטש עפעס, דאן וואס טויג די תפילה?

די תשובה דערפאר ליגט אין דער ציל פון תפילה. אז מ׳פארשטייט ריכטיג און קלאר פארוואס הקב"ה האט מסדר געווען אזא זאך ווי תפילה, האט מען אן ענטפער צו די שאלה.

עס איז דא צוויי סיבות פארוואס הקב"ה ברענגט א שוועריגקייט אויף א מענטש. איין סיבה איז ווייל זעענדיג די גאנצע בילד פון דער מענטשליכער לעבן פאר זיך און די ציל פארוואס ער איז אראפגעקומען אויף די וועלט, פארשטייט ער ברוב חכמתו וברוב קדושתו אז דאס איז דער תכלית פון דעם מענטש אויף די וועלט. די צווייטע סיבה איז ווייל הקב"ה וויל אז א איד זאל נתקרב ווערן צו אים, און די מענטשליכע טבע איז אז ווען עס פעלט אים עפעס און ער דארף עס וויכטיג האבן וועט ער איינרייסן פאר דעם, און די בקשות און תחנונים וועלן גורם זיין אז דער מענטש וועט נתקרב ווערן צו הקב"ה.

די געדאנק ווערט געברענגט אין מערערע ערטער, אבער מיט א קלארקייט געבט עס ארויס דער מדרש אין שיר השירים [מדרש רבה ב, יד].

דער מדרש רעדט ארום בעניני תפילה און ברענגט אראפ א משל צו א מלך וואס האט געהאט א בת יחידה. ער האט זייער ליב געהאט די בת יחידה און ער האט איר צוגעשטעלט אלעס וואס זי דארף האבן. מיט די יארן איז זי אונטערגעוואקסן און האבנדיג אלעס וואס זי דארף איז זי זעלטן געקומען צו די קעניג. דער קעניג האט געגלוסט צו הערן איר שטימע און זעענדיג אז עס גייט נישט פון זיך אליין האט ער אונטערגעשיקט שלעכטע מענטשן וואס זאלן איר באדראאען.

איינמאל זי האט זיך געשפירט באדראאעט איז זי געקומען צולויפן צו איר טאטע, בעטנדיג אז ער זאל איר באשיצן.

האט איר דער טאטע א זאג געגעבן אז ווען דו וואלסט ווען געקומען פריער און גערעדט צו מיר וואלסטו זיך געשפָּארט די עגמת נפש און די צער.

פירט אויס דער מדרש אז די זעלבע בחינה איז דא מיט די תפילה פון אידישע קינדער. דער רבוש"ע גלוסט צו הערן די קול פון כלל ישראל. אויב א איד ווענדט זיך צום רבוש"ע שטענדיג, פארמיידט ער דורך דעם אומזיסטע ווייטאג, אבער אויב ער ווענדט זיך נישט צו השי"ת, קען געשען אז מ׳זאל אים אונטערשיקן א צרה, ווייל הקב"ה גלוסט צו הערן זיין שטימע.

היוצא לנו מזה, אז די תכלית פון תפילה איז צו ווערן נאנט צו הקב"ה, אז דער רבוש"ע וויל אונז דערוועקן און צוריקברענגען צו אים.

מיט דער געדאנק פארשטייט מען ריכטיג די בחינה פון תפילה און ווי אזוי דורך איר פועל׳ט מען ישועות און מען איז ממשיך די שפע פון הימל.

אז דער יסוד איז קלאר, קען מען אויך פארשטיין מיט דעם פארוואס ׳תפילה׳ איז אנדערש ווי א געבעט ביי א חבר. אינדערצייט וואס מ׳בעט עפעס פון א צווייטן מוז מען צומאל אנקומען זיך איינצורייסן מיט יענעם און נוצן מיטלען זיך צו טענה׳ן מיט יענעם ער זאל נאכקומען דיין פארלאנג, איז ביי תפילה ביי הקב"ה אנדערש.

דארטן פאדערט זיך נישט די צוגאנג, נאר תחנונים, צו בעטן א מתנת חינם.

אויסערדעם וואס הקב"ה איז דיר נישט שולדיג קיין זאך, איז אויך דא דער יסוד אז די תפילה איז נאר נתקרב צו ווערן צו הקב"ה, און דאס איז מען משיג דורך תחנונים.

זאל הקב"ה געבן אז מ׳זאל זוכה זיין אז אונזערע תפילות זאלן נתקבל ווערן ברחמים וברצון פאר הקב"ה, און מ׳זאל פועל׳ן דורך איר ברכה וישועה און א נחמה פאר׳ן כלל.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית
## געשריבן הזך לייענערס

## געטון לפנים משורת הדין – זיך גע׳פטר׳ט פון א דין תורה

מיט עטליכע יאר צוריק האב איך באקומען א פאסטן צו ווערן די פריוואטע דרייווער פון א חשוב׳ער ראש הישיבה.

דער ראש הישיבה וואוינט אין א געוויסע שטאט און די ישיבה געפינט זיך אין א צווייטע שטאט. טאג טעגליך וועט דער ראש הישיבה ארויספארן צו די ישיבה און איך וועל אים נעמען און אים אפווארטן אין די שעה ווען ער דארף אהיימפארן.

מיט די יארן איז מיר איינגעפאלן אז אונטערוועגנס קען איך לייזן א מטבע.

אלץ איינער וואס פארט פון שטאט צו שטאט, איז אייביג דא אידן וואס דארפן שיקן פעקלעך פון שטאט צו שטאט. איך האב זיך אנגעגעבן אלץ דעליווערי מענטש וואס קען אפנעמען א פעקל און עס דעליווערן צו די צווייטע שטאט.

איין טאג האב איך באקומען א פעקל פון א איד אפצופירן צו די צווייטע שטאט. ביים איבערגעבן די שליחות איז באטאנט געווארן אז די פעקל איז א טייערע פעקל און עס איז ווערד 6000 שקל. איך האב גענומען די פעקל און עס אפגעפירט צו די דעסטינאציע און עס איז ארויס פון מיין קאפ.

א טאג איז אריבער, דער איד צו וועמען די פעקל האט געדארפט אנקומען, קלינגט מיר אן, ער פרעגט מיר וואו איז דער פעקל וואס מ׳האט געשיקט צו אים? איך האב אים געזאגט אז איך האב עס נעכטן דערליווערט.

דער איד האט גע׳טענה׳ט חי וקים אז כ׳לעב אין חלומות, ער האט קיינמאל נישט דערהאלטן די פעקל.

עס איז געווארן אן ערנסטע משא ומתן לכאן ולכאן, און אזוי ווי די פעקל איז געווען ווערד א שיינע מטבע האט דער איד גדראאעט אז ער גייט מיר רופן צו דין תורה.

עס איז מיר געווארן אומאנגענעם. איך בין קיינמאל נישט געווען ביי א דין תורה, וואס גיי איך זאגן דערצו? ווי אזוי גיי איך זיך פארטיידיגן? די דין תורה האט צוגערויבט מיין רוה.

פארנדיג אויפ׳ן וועג צו די ישיבה, פרעגט מיר דער ראש הישיבה איבער א צווייטער פעקל וואס ליגט אין זיין צימער אין די ישיבה.

דער סדר איז אז איך קלינג אן דעם איד צו וועמען מ׳האט געשיקט דאס פעקל, איך לאז אים וויסן אז די פעקל איז דא, און אז אויב ער קומט עס נישט נעמען לייג איך עס אין ישיבה. איך האב אזוי געטון און מיט דעם האט זיך געענדיגט די געשעפט.

דער ראש הישיבה האט געבעטן אז ׳לפנים משורת הדין׳ זאל איך יענעם קלינגען און דערמאנען וועגן די פעקל וואס ליגט אין די ישיבה. איך האב אויסגעפאלגט די באפעל און אנגעקלינגען יענעם. דער איד האט זיך שטארק באדאנקט פאר מיר, זאגנדיג אז ער האט שוין געוואלט קומען עס נעמען נאר ער האט פארגעסן וואו עס ליגט, און מיט די טעלעפאן האב איך אים דערמאנט.

עס גייט אריבער געציילטע מינוטן און דער בעל דין קלינגט מיר אן, ער פארציילט מיר אז ער האט געטראפן די פעקל און ער בעט מיר איבער פאר׳ן חושד זיין אז כ׳זאג ליגנט.

איך האב געזען בחוש אז איך האב געטון א שריט לפנים משורת הדין, און פון הימל האט מען מיר באצאלט אז איך בין געהאלפן געווארן אז איך האב געהאט א ישועה אויפ׳ן ארט.

(דערציילט דורך דער בעל המעשה: ח.ה.)

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר׳ שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# מקיים זיין א מצוה במסירת נפש – א'

**"וְאָהַבְתָּ אֵת ד' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ וּבְכָל מְאֹדֶךָ"** (ו, ה)

שרייבט דער **אור החיים הקדוש זי"ע** (אויף דעם פסוק), וְזֶה לְשׁוֹן קָדְשׁוֹ: הִנֵּה הַמַּשְׂכִּיל בְּעִנְיַן חֵשֶׁק ה', כָּל זֶה דָּבָר קַל הוּא, בְּעֵרֶךְ מַה שֶּׁהַנֶּפֶשׁ חוֹשֶׁקֶת בַּבּוֹרֵא.

וְהִמְשַׁלְתִּי דָּבָר זֶה, לְאָדָם גָּדוֹל וּמֻפְלָא בִּנְכָסִים שֶׁרָצָה לָלֶכֶת לְמָקוֹם רָחוֹק, לְצַד סַכָּנַת מָקוֹם שֶׁהָיָה בּוֹ. וְאָסַף כָּל נְכָסָיו בְּקְנִיַּת **מַרְגָּלִית** גְּדוֹלָה בְּאֶלֶף אַלְפֵי דִּינְרֵי זָהָב, וְשָׂם לְדֶרֶךְ פְּעָמָיו לָעִיר רְחוֹקָה, אֲשֶׁר שָׁם נָכוֹן לִבּוֹ בָּטוּחַ בְּמָמוֹנוֹ וְהוֹנוֹ.

וְקוֹדֶם שֶׁהִגִּיעַ לָעִיר אֲשֶׁר פָּנָה בְּדַעְתּוֹ לָלֶכֶת שָׁמָּה, כָּלְתָה צֵידָתוֹ, וְאֵין דִּינָר בְּכִיסוֹ. וְהָיָה מִסְתַּפֵּק בְּדַלּוּת וּבְעֹנִי גָּדוֹל וְשִׁפְלוּת רַב, כִּי אָפֵס כָּסֶף.

וְהִנֵּה זֶה הָאִישׁ, הֲגַם שֶׁהוּא מִתְהַלֵּךְ בְּדֹחַק וְצַעַר, עִם כָּל זֶה לִבּוֹ שָׂמֵחַ וְכִלְיוֹתָיו עֲלִיצִים, כִּי רַב אוֹנוֹ וְהוֹנוֹ, וְיָצָא מִמָּקוֹם הַמִּסְתַּכֵּן, וּבֹא יָבֹא בְרִנָּה נוֹשֵׂא הָאֶבֶן גְּדוֹלָה יִקְרַת הָעֵרֶךְ.

כֵּן הַדָּבָר הַזֶּה, אָדָם שֶׁזָּכָה בִּדְבֵקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ וְאַהֲבָתוֹ, וּבוֹ קִבֵּץ כָּל מָמוֹנוֹ וְהוֹנוֹ, וַיִּבֶז בְּעֵינָיו קְנוֹת דָּבָר בָּעוֹלָם הַזֶּה, לְצַד סַכָּנַת הַמָּקוֹם, נוֹסָף עַל מִעוּט שָׁוְיוֹ, וְלָקַח לוֹ ה' לֵאלֹקִים. – אֵין לְךָ קְנִיָּה בָּעוֹלָם כְּקִנְיָן זֶה, לְמַעְלָה לְמַעְלָה מֵהָאֶבֶן יְקָרָה שֶׁבַּמָּשָׁל, כִּי מִי יִדְמֶה לוֹ, וּמִי יִשְׁוֶה לוֹ.

וְאָדָם כָּזֶה, לוּ יְהִי שֶׁיִּהְיֶה דָחוּק וּמִצְטַעֵר בְּיָמִים מוּעָטִים אֵלֶּה לוֹ בָּעוֹלָם הַזֶּה, נָכוֹן לִבּוֹ בָּטֻחַ בַּה' אוֹר עוֹלָם, וַיִּשְׂמַח לִבּוֹ וַיָּגֶל כְּבוֹדוֹ. וּבְהַגִּיעוֹ לִמְחוֹז חֶפְצוֹ שֶׁהוּא עוֹלָם הַקַּיָּם וְהַבָּטוּחַ, הִנֵּה שְׂכָרוֹ אִתּוֹ. וּמֵעַתָּה חִבַּת הַקֹּדֶשׁ הוּא הַיּוֹצֵר וּדְבֵקוּתוֹ בּוֹ, הֲלֹא הוּא בָּנָיו וְחַיָּיו וּמָמוֹנוֹ בְּיֶתֶר שְׂאֵת.

**פאלגנד איז א טיב מַעֲשֶׂה מֻפְלָא, פון מקיים זיין א מצוה בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ וּבְכָל מְאֹדֶךָ!**

***

די בַּאַן־פּארקער אין די גרויסע פוילישע קעניגרייך, אינעם דור פאר די צווייטע וועלט־מלחמה, איז געווען זייער א וויכטיגע פּארקער־מיטל. פילע באנען זענען געפארן איבער די שינעס פון איין שטאט צום אנדערן, און צענדליגער טויזנטער איינוואוינער זענען שטענדיג געפארן דערמיט צו זייער ציל.

די רעגירונג האט נאכנאנד אויסגעבעסערט די פארקער פון די באנען, און האט געזאגט צו צולייגן נאך און נאך שטעט און שטעלעך צום פארקער פון די באנען. פילע ארבעטער זענען באשעפטיגט געווארן מיט אויפשטעלן נייע באן ליניעס, און מיטן לייגן נייע שינעס אין די לענג פון פילע קילאמעטער, ווי אויך מיטן אויפשטעלן סטאנציעס אין יעדן שטאט, און פאבריצירן נייע וואַגאָנען פארן באקוועמליכקייט פון די פילע רייזנדע.

***

אין א געוויסער געגנט, ערגעץ־וואו אין די טיפענישן פון די ריזיגע וועלדער פון פוילן, האבן די ארבעטער פיבערהאפטיג געארבעט, אנגרייטנדיג די וועג וואו דער באן זאל פארן, מיט א פונקטליכן פלאן. די ארכיטעקטן פונעם באן האבן פארטיילט פונקטליכע מאַפּעס פאר די בויערס, און לויט די מאפעס האבן די קאנטראקטערס [קבלנים] געוויזן די ארבעטער וויאזוי צו לייגן די שינעס לויטן פונקטליכן פלאן וואס מען האט אויסגעארבעט.

פלייסיג האבן די ארבעטער פארגעזעצט מיט זייער ארבעט, און אט האבן זיי געענדיגט לייגן די שינעס אין די טיפענישן פונעם װאלד, און זענען אנגעקומען צו דער הויפט און שליסנדער טייל פון זייער ארבעט. דאס איז געווען מיטן באהעפטן די באן־שינעס אריין אינעם שטאט, ביז צום צענטראלן באן־סטאנציע וואס האט שוין פונקציאנירט פאר לאנגע יארן אין יענעם פלאץ, און דורכדעם וועט די שטאט באהאפטן ווערן צו מערערע געגנטער וועלכע זענען ביז יעצט געווען אינדרויסן פונעם באן־פארקער.

די ארבעטער זענען אנגעגאנגען טאג־טעגליך מיט זייער ארבעט, ביז זיי זענען אנגעקומען ממש נאנט צום שטאט, אבער דא האבן זיי זיך אנגעטראפן אין א שווערן שטרויכלונג... אן אלטע אידישער **בית החיים** האט זיך באוויזן פאר זיי, און האט נישט געלאזט אנגיין מיט די ארבעט.

האבן די ארבעטער געקוקט נאכאמאל און נאכאמאל אויף די מאפעס וואס זיי האבן געהאט אין זייערע הענט, צו זיכערמאכן צי עס איז נישט געפאלן עפעס א טעות אינעם פלאן אדער אינעם וועג וויאזוי זיי האבן עס אויסגעפירט, זיי האבן אבער קלאר געזען אז עס איז דא נישט געווען קיין שום טעות, וויבאלד זיי האבן געארבעט פונקטליך לויטן נייעם פלאן וואס מען האט צוגעגרייט פאר די נייע באן־שינעס, און דאס איז געווען געפלאנט אריבערצוגיין פונקט אויפן זעלבן פלאץ וואו די שוכני עפר האבן זיך געפינען שוין פאר צענדליגער יארן.

די ארבעטער האבן געטראכט אז זיי וועלן צוברעכן, חלילה, די מצבות מיט זייערע האמערס און העק, אזוי ווי זייער שטייגער מיט יעדער זאך וואס שטייט זיי אין וועג... אבער די ארטיגע חברא קדישא, וועלכע זענען שוין גרייט געווען דערצו פון פאראויס, האבן זיי אפגעשטעלט בקול רעש גדול.

**וויאזוי איז מעגליך אויסצורייסן א גאנצן 'בית הקברות'?** – האבן זיי געשריגן.

די ארבעטער האבן זיי געהייסן זיך ווענדן צו די קאנטראקטער וואס האבן זיך אונטערגענומען אויסצופירן דעם פראיעקט, וועלכע האבן נישט אנגעהויבן צו פארשטיין וואס איז דא דער פראבלעם... און זיי האבן גע'טענה'ט: אויך ביי די גוי'אישע בתי קברות [להבדיל], פירט מען אריבער אלע קברים צוזאמען מיט די מצבות צו א פארזיכערטע פלאץ, ווייל וואס איז עס דען אן אונטערשייד פאר די מתים, צי זיי וועלן רוען דא אדער דשארט?!...

ווען די גבאים פון די חברה קדישא האבן געזען אז ביי די בוי־אונטערנעמער וועלן זיי גארנישט אויפטון, זענען זיי שנעל געלאפן צו די וואס זענען געשטעלט איבער זיי, און האבן גערעדט מיט פלאם־פייער איבערן הארבקייט פון דער זינד פון **'חיטוטי שכבי'**, און איבער די הלכה פון 'מת קנה מקומו', און זיי האבן ערקלערט אז דאס איז א קלארע הלכה אינעם שולחן ערוך! (יורה דעה סימן שס"ד). אבער זייער רייד איז געפאלן אויף טויבע אויערן. מען האט זיי געשיקט פון איין איינגעשטעלטער צום אנדערן, ביז זיי זענען אנגעקומען צו ארכיטעקטן וואס האבן אויסגעשטעלט די מאפעס, און האבן זיך געבעטן ביי זיי אז זיי זאלן אביסל טוישן דעם פלאן, כדי די שינעס זאלן חלילה נישט דורכשניידן דעם בית החיים. מען האט זיי אבער קאטעגאריש אפגעזאגט, ערקלערנדיג אז זיי פירן נישט אויס זייער ארבעט לויט די שולחן ערוך... און וויבאלד די מאפעס וואס זיי האבן געמאכט, זענען שוין דורכגעגאנגען דעם גאנצן געפאדערטן פראצעדור, און האבן שוין באקומען אלע פארלאנגטע ערלויבענישן, און וויבאלד דער פלאן האט זיך שוין ארויסגעלאזט אין וועג, איז נישטא קיין שום מעגליכקייט צו טוישן עפעס אינעם יעצטיגן שטאפל!!!

***

די גבאים זענען ארויסגעגאנגען בפחי נפש, ווייל ווי עס זעט אויס איז שוין נִגְזְרָה גְּזֵרָה, און זיי האבן פארפאסט דעם געלעגנהייט. אויך די שתדלנות וואס זיי האבן אנגעארבעט ביי עטליכע פון די שָׂרֵי הַמְּלוּכָה צולייגנדיג 'לֹא יֶחֱרַץ' געלט אונטערן טיש... האט נישט ארויסגעגעבן קיין פרוכט! ווייל אלע האבן געענטפערט, אז וויבאלד מען איז שוין אנגעקומען צום הויכפונקט פון די ארבעט, און די שינעס קומען שוין אן מיט שנעלע טריט צום לעצטן שטאפל, איז נישט מעגליך אפצושטעלן די ארבעט אויף קיין פאל, און אלעס מוז אויסגעפירט ווערן לויטן פלאן.

זעענדיג אז דאס איז דער מצב, און אז ביז געציילטע טעג וועלן שוין די ארבעטער קומען און אויסרייסן דעם בית הקברות, האבן זיי לויטן אנווייזונג פון די גדולי הדור אנגענומען די גזירה, און נאכן אוועקזעצן א בית דין און באשטימען א יום תענית פאר אלע איינוואוינער פון די שטאט, האבן די גבאים פון די חברא קדישא זיך אנגעטון מיט שווארצע קליידער און האבן אנגעהויבן אריבערפירן דעם אלטן בית החיים פונעם שטאט צו איר נייע ארט. דאס ארבעט איז געטון געווארן זייער פארזיכטיג, אונטערן

# כסא דנחמתא

**שגורה אל ידידינו ומכובדינו הנעלה, דגול מרבבה, האי גברא יקירא, אהוב למעלה ונחמד למטה, צנוע ומעלי, חי ורב פעלים, הולך תמים ופועל צדק, איש חמודות ורב תבונות, אוהב צדקה וחסד בהצנע לכת, חכם לב יקח מצוות, טוב ומטיב לכל ורחמיו על כל נדכה רוח,**

**אשר ברוחו הגדולה עומד תדיר בכל עת ועונה ומסור בלב ובנפש חפיצה לימין מורנו הגה"צ שליט"א, ובימין צדק עבור כל קדשי קהילתינו הק' ומכוננו**

**הרה"ח ר' אלימלך פישר שליט"א**

**היושב באבל אם קודר בעמק הבכ"א בימי אבילות חורבן בית מקדשינו ותפארתינו על פטירת אמו הצנועה והחסודה, אשה גדולה, מנשים באהל תבורך ותהולל**

**מרת חיה טובא פישר ע"ה**

**אשת יבלחט"א הגאון רבי ישכר דוב שליט"א בת הגה"ח ר' אשר יאקאב זצ"ל**
**שעבקה חיים לכל חי בפתע פתאום וכרעם ביום בהיר**
**ביום שלישי פרשת דברים - חזון ער"ח מנחם אב תשפ"ו**

**מנחם ציון ובונה ירושלים הרופא לכל תחלואים הוא ישלח מזור ומרפא אל לבבות נשברות, יאמר שלמו ימי אבלך והמקום ינחם אותך בתוך שאר כל המתאבלים על ציון עיר מלוכה ומעתה אך טוב וחסד ירדפוהו כל ימי חייו ולא ישמע עוד שוד ושבר בגבולם ובגבולות כל בית ישראל עד עולם עדי ישמע קול מבשר ואומר ענוים הגיע זמן גאולתכם בהפוך את הימים האלו לששון ולשמחה בב"א**

\- - - -

**המשתתפים בצערייך וכותבים וחותמים בדמע**

**מכון טיב** **קהילת שבתי בבית ה'**

---

שטרענגן אויפזיכט פון די רבנים פונעם שטאט.

צוליב **'כבוד המת'** מצד די הלכה, האבן זיי געעפנט איין קבר נאכן אנדערן, ארויסנעמענדיג דער ארון דערפון מיט גרויס פארזיכטיגקייט, און זיי האבן עס געטראגן מיט די הענט ביזן נייעם קבר. אזוי האבן זיי געטראגן יעדן קבר צוזאמען מיטן מציבה וואס האט זיך געפינען דערויף, מיטן זעלבן סדר פון די 'חלקות' לויט ווי זיי זענען געוועזן באגראבן אינעם אלטן בית החיים.

עטליכע בעלי מלאכה האבן זיי באגלייט מיט די עבודת הקודש, וויבאלד נישט אלע קברים און מצבות זענען געווען אייניג, ביי איין קבר איז די מצבה געווארן צובראכן און מען האט עס געדארפט בויען פונדאסניי ביים נייעם קבר אינעם נייעם בית החיים. ביי אן אנדערן קבר איז דער ארון צוברעקלט געווארן, נאכן ליגן פאר לאנגע יארן איז די פייכטע ערד, און דארט האבן די סטאלערס געדארפט צוזאמשטעלן א נייען 'ארון'.

אזוי האט זיך די ארבעט געצויגן פאמעליך, ווען דורכאויס די גאנצע ארבעט איז געשטאנען א גאנצער 'מנין' אינעם ארטיגן בית המדרש, זאגנדיג תפילות און סליחות, און מיט בקשת מחילה פונעם כבוד פון די נפטרים.

***

פלוצלונג איז געהערט געווארן א געשריי פון וואונדער פון איינס פון די קברים, נאכדעם וואס דער קבר און געעפנט געווארן און ווען די קברנים האבן פראבירט 'אויפצוהייבן' דעם ארון, איז דער ארון צונומען און צובראכן געווארן צווישן זייערע הענט... און אט האט זיך באוויזן פאר זייערע אויגן א חשוב'ער איד מיט א וואונדערליכן הדרת פנים, מיט א לאנגע ווייסע בארד, וועלכער האט אויסגעזען אזוי ווי מען האט אים ממש לעצטנס באגראבן דארט, טראצדעם וואס דער דאטום אויפן מצבה האט אנגעגעבן אז דער איד איז שוין דארט באגראבן געווארן צוריק מיט צענדליגער יארן...

אבער מער פון אלעס זענען זיי פארוואונדערט געווארן, זעענדיג וויאזוי דער 'מת' איז געווען איינגעהילט, ווען אנשטאט צו זיין אנגעטון אין די תכריכים אזוי ווי אלע אנדערע נפטרים, איז דער זקן געווען אנגעטון אין די שווארצע קליידער פון א **'גלח'** רחמנא ליצלן!

די וואונדער איז געווען גרויס, און אלע עוסקים במלאכת הקודש האבן נישט געוואוסט וואס צו טון מיט זיך. וואס טוט זיך דא? האבן זיי זיך געפרעגט, ווער איז דען דער נפטר? וואס לויט זיין אויסזען זעט ער אויס ווי א חשוב'ער איד, אבער לויט זיינע קליידער איז ער נישט קיין אנדערער ווי דער 'גלח' פונעם קלויסטער?

מעגליך איז דא געפאלן א טעות? אפשר איז ער א גוי? אבער אויב אזוי, וויאזוי איז ער באגראבן געווארן אין א אידישער בית החיים? און אויב איז ער א איד, פארוואס איז ער באגראבן געווארן אין די קליידער פון א גלח, אנשטאט אין די געווענליכע תכריכים?

די גבאים פון די חברא קדישא האבן זיך שטארק געוואונדערט, און דעריבער האבן זיי נישט געוואוסט, צי עס איז יעצט ערלויבט פאר זיי אים אריבערצופירן צום נייעם בית החיים, אדער נישט, וויבאלד זיי האבן נישט געוואוסט ווער ער איז. אויך האבן זיי נישט געוואוסט צי זיי זאלן אים אריבערפירן צו זיין נייעם קבר מיטן זעלבן גלח-קלייד מיט וואס ער איז געווען אנגעטון, אדער זאלן זיי נייען נייע תכריכים פאר זיינעטוועגן?

די פראגן זענען געווען זייער אסאך און דאס וואונדער איז געווען זייער גרויס. אבער איין פאקט איז געווען קלאר ווי דער טאג, און דאס איז געשטאנען אין פארנט פון די רבנים און די חברי הבית דין, ווי א קלארע באוויז אז דאס איז דער קבר פון א איד, און ווי עס זעט אויס, אויך א חשוב'ער איד! – דאס איז געווען וויבאלד דער קערפער פון דער נפטר איז געווען גאנץ, בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵמוּת, וואס דאס איז עפעס וואס איז איבערהויפט נישט קיין געווענליכע ערשיינונג, אזוי ווי זיי האבן זיך געקענט איבערצייגן פונעם שטארקן אומבא'טעמ'טן גערוך וואס האט זיך דערטראגן פון די אנדערע ארונות וואס זענען צונומען געווארן דארט...

אט די פאקט האט קלאר געוויזן, אז דער מענטש וואס איז דארט געווען באערדיגט, איז געווען א גרויסער און דערהויבענער מענטש!

די רבנים האבן נישט געוואוסט וואס צו פסק'נען אינעם ענין, איידער עס וועט קלאר ווערן דער ענין מיטן פולסטן קלארקייט. ווען זיי האבן געזען אז אויך די אנפירער פון די חברא קדישא האבן זיך געוואונדערט, האבן זיי באשלאסן אז עס איז נישטא קיין אנדערע ברירה, און זיי וועלן דארפן אהינברענגען דעם נשיא החברא קדישא בכבודו ובעצמו.

***

דער נשיא פון די חברא קדישא איז שוין געווען זייער אן אלטער מענטש, און זיינע כוחות זענען אים נישט בייגעשטאנען זיך צו קענען באטייליגן ביי די שווערע ארבעט פון אריבערפירן דעם אלטן בית החיים צום נייעם ארט. אבער יעצט, הערנדיג דעם 'פראבלעם' וואס איז געשאפן געווארן ביי דעם מאדנעם קבר, האט מען אים ספעציעל אריבערגעברענגט אויפן ארט, כדי ער זאל זיי פארענטפערן זייער שווערקייט און קלארמאכן אלע ספיקות.

ווען דער זָקֵן שֶׁבַּחֲבוּרָה איז אנגעקומען אויפן ארט, און האט געזען דעם קבר, האט ער זיך גלייך צושמייכלט און זיך אנגערופן: איר דארפט אוודאי אריבערפירן דעם חשוב'ן איד צו זיין נייעם קבר, פונקטליך מיטן זעלבן מלבוש מיט וואס ער איז באגראבן געווארן! און נישט מיט עפעס אנדערש!

און דערביי האט ער זיי דערציילט די וואונדערליכע געשיכטע פון יענעם נפטר, אנטפלעקנדיג אז דער הייליגער צאנזער רב זצוק"ל **מרן בעל דברי חיים**, האט באפוילן אז מען זאל אים באגראבן מיט אט דעם מלבוש! וויבאלד ער האט דערמיט זוכה געווען מקיים צו זיין די מצוה פון **"בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ"!**

**פארזעצונג קומענדיגע וואך, בעזרת השם.**

די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173